ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"ג
פרשת שמיני
שנת תשפ"ה לפ"ק

## גליון מוגדל לקראת יומא דהילולא של רביה"ק בעל ברך משה זצוקללה"ה - כ"ו ניסן תשפ"ה לפ"ק (ב')

ז׳ תיז) עס דערציילט אונז

### כ"ק אדמו"ר מסטריזוב שליט"א

**במקום גדולתו אתה מוצא ענותנותו**

דער רבי **כ"ק מרן הברך משה זלה"ה** איז געווען זייער א גרויסער מענטש.

דער רבי מרן הברך משה איז געווען ביי אונז אויף יעדע שמחה, מיר זענען געווען זייער נאנט, מחמת כמה סיבות.

קודם, בערבעשט מיט סיגעט איז דאך געווען איינס, און די רביצין הצ׳ פעסיל לאה ע"ה איז דאך געווען דעם וואלאווער רב׳ס טאכטער. (אביו כ"ק הגה"צ רבי **חיים שלמה הורוויץ מסטריזוב** זלה"ה, חתן הגה"צ רבי **רפאל גרויס** ז"ל **מבערבעשט** ז"ל, חתן הגה"ק רבי **ישראל יעקב יוקל טייטלבוים** ז"ל אב"ד וואלאווא, חתן מרן הגה"ק **הייטב לב** ז"ל) מיר זענען געווען ממש איינס, דער רבי האט דאס כסדר געזאגט "מ׳פלעגט אריבערגיין צופיס פון בערבעשט קיין סיגעט", מיר האבן זיך געשפירט משפחה׳דיג ווי ערשטע קאזינס.

דא אין בארא פארק איז ער געווען פון די ערשטע רבי׳ס בשנת תשכ"ה, דער באבוב׳ער רבי איז נאכנישט דא געווען דעמאלטס, נאר דער סטוטשינער רבי, דער אמשינובער רבי, דער בלאזוב׳ער רבי. עס איז נאכנישט געווען אזא היימישע סביבה.

ב. נאך די הסתלקות פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** האט אים געזאגט מיין שוואגער דער קערעסטירער רבי ז"ל "פארוואס דארפסטו די גאנצע זאך, מאך דיר אליינס, דו ווייסט סיי ווי האבן עטליכע טויזנט מענטשן פון דיינע חסידים וואס וועלן גיין מיט דיר קיין סיגעט, לאז אפ סאטמאר און בוי אויף סיגעט"... מ׳ווייסט דאך אז ער האט געהאט אסאך שונאים וואס האבן נישט געקוקט מיט א גוט אויג אויף דאס רבנות אין סאטמאר.

אבער דער רבי האט נישט געטראכט פון זיך, ער האט געענטפערט אז ער מוז דאס טוהן פארן פעטער׳ס מוסדות "איך קען דאס נישט איבערלאזן ווייל איך דארף טוהן פאר זיינע מוסדות, אויב נישט קען ח"ו אלס צוגרונד גיין". דאס איז געווען זיין דאגה.

ג. דער ברך משה איז געווען א מושלם... עס איז נישט געווען קיין איין רבי בדורו וואס איז געווען אזא מושלם ווי ער. אבער ער האט אליין געשריגן כסדר אז ער איז נישט דער פעטער, ער האט זיך קיינמאל נישט באטראכט ווי ער איז ממלא מקום דאס גדלות פונעם פעטער ז"ל, ממילא האט ער נישט געוואוסט וואס זיינע שונאים ווילן האבן פון אים".

ער האט קיינמאל נישט געטראכט פון זיך, און נישט געהאט קיין שום חשבונות פון כבוד אדער געלט, אדער קלערן פון זיין עתיד.

עס איז געווען אמאל בחיים חיותו פון רביה"ק ז"ל ווען איך האב אים עפעס מייעץ געווען אז ער זאל טוהן אין אן ענין ווי איך האב אים געראטן "עס קען זיין אז עס וועט צוניץ קומען שפעטער" אזוי האב איך אים געזאגט. ער האט פארשטאנען וואס איך מיין. האט ער מיך געזאגט "איך האב שוין אויפגעגעבן אלע אמביציעס"...

ז׳ תיח) עס דערציילט אונז

### כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א

**עשרי"ם רמז אויף כתר מלכות**

ווען דער רבי **כ"ק מרן הברך משה זלה"ה** האט חתונה געהאט בשנת תרצ"ו, האט דער זיידע כ"ק מרן **הגה"ק המנחת אלעזר זלה"ה** געשיקט דרשה געשאנק צוואנציג קראנען, מיט א ווארימען בריוו א ברכת מזל טוב צו די חתונה מיט גאר חשוב׳ע ברכות.

אינעם בריוו שרייבט דער זיידע אז ער שיקט ׳עשרים קראנען׳, און עשרי"ם האט צוויי שטרעכעלעך, כאילו דאס איז עפעס א ראשי תיבות.

אבער איך האב געטראכט אז אין ספה"ק חיים ושלום עה"ת שרייבט דער זיידע עה"פ "עשרים גרה השקל, עשרי"ם בגימ׳ כת"ר", האב איך פארשטאנען דעם רמז אז ער האט געשיקט צוואנציג קראנען א רמז אויף כת"ר... דער זיידע שרייבט עטליכע מאל אין זיינע ספרים דעם רמז, לכאורה האט ער געוואלט מרמז זיין "כת"ר מלכות".

ז׳ תיט) עס דערציילט אונז

### כ"ק אדמו"ר מהארדענקא שליט"א מאנטשעסטער

**זכרתי ימים מקדם...**

איך האב ב"ה זוכה געווען אלע יארן צו א שטארקן קשר של אהבה מיט להבחל"ח **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה.**

אנגעהויבן האט זיך דאס אין יענע תקופה וואס ער האט איבערגענומען דאס רבנות אין סאטמאר, פרשת ויחי תש"מ, ממש א קורצע צייט נאכן רבי׳נס פטירה, זאגט מיר מיין קרוב להבחל"ח הרה"ח ר׳ אברהם ווערצבערגער ע"ה שו"ב אז ער פארט צום רבי׳ן קיין מיאמי אויף שבת, אויב איך וויל אויך מיטקומען, זאג איך ׳יא׳.

דעמאלטס בין איך געווען דאס ערשטע מאל אויף א שבת קודש במחיצתו של רבינו ז"ל. איך געדענק ווי בתוך השיחות האב איך געזאגט פארן רבי׳ן אז מ׳שמועסט אז דער רבי וועט אפשר קומען בקרוב באזוכן קיין מאנטשעסטער.

האט מיר דער רבי געזאגט ווערטלדיג "נו, וואס האסטו געוואלט, כ׳זאל ביי דיר איינשטיין?!"... דער אמת איז געווען אז דאס האב איך טאקע געוואלט. במציאות איז דער רבי דעמאלטס נישט געקומען קיין מאנטשעסטער.

איך געדענק ווי כ׳האב דעמאלטס געגעבן א טשעק פון טויזנט דאללער, דער רבי האט דאס נישט געוואלט נעמען "א איינגערמאן, ווי קאנט איר געבן אזויפיל געלט?!". כ׳האב געשטויינט פונעם רבי׳נס צוגאנג צו די זאכן, אן אנדערער וואלט דאס גלייך געלייגט אין טאש...

ב. במשך אלע יארן, כאטש איך האב ב"ה געהאט א גרויס קרבותביים רבי׳ן, און עס איז געווען הברכה מצוי׳ בפרנסה, האט דער רבי מיר קיינמאל נישט געוואלט בעטן קיין געלט.

אויסער איינמאל איז געווען ווען דער רבי האט מיר יא געבעטן געלט איז געווען בשנת תשנ"ה, ווען די ישיבה אין קרית יואל האט זיך געמוטשעט מיט אן עס-זאל, די עס-זאל איז געווען זייער קליין און די בחורים האבן נישט געהאט וואו צו עסן, מ׳האט דעמאלטס גדעדארפט עסן איינגעטיילט אין ׳שיפטס׳... דער רבי האט מיר געבעטן אז איך זאל העלפן, און איך האב דעמאלטס געגעבן א גרויסן סכום פאר דעם זאל (כהיום היכל ישיבת ׳ויואל משה׳).

ג. דעמאלטס האט ער מיר געזאגט "איך מוז אייך ארויסנעמען קיין קרית יואל, איך מוז אייך ווייזן די שטאט"...

דעמאלטס האט זיך שטארק געקאכט וועגן ׳שערי חמלה׳, איך בין דעמאלטס געווען אין קרית יואל א וואך צייט, מיין טאטע הרה"ג ר׳ פינחס ז"ל האט זיך דעמאלטס גדעדארפט באהאנדלען צוליב ׳פאר אלע נישט-אידן געזאגט׳ (המחלה הידועה ה"י) אין ניו יארק, און ער האט געהאט א דירה וואו ער איז איינגעשטאנען אויף די ליזענסק גאס אין קרית יואל, בין איך געווען יעדן טאג ביי מנחה מעריב ביים רבי׳ן אין זיין גרויסע הויז אויף קענעדי קארט (איהעל). נאך מנחה האט ער מיר געווינקען אז איך זאל אריינקומען צו איהם שמועסן, דעמאלטס האב איך זוכה געווען צו איינגענעמע שמועסן מיטן רבי׳ן.

איין טאג זאגט ער מיר "כ׳מוז אייך ווייזן דעם מוסד "שערי חמלה". עס איז געווען ממש אין די הייסע צייטן ווען עס האט זיך געקאכט איבער דעם מוסד מיט פארשידענע פאלשע לשון הרע׳ס.

נתנדב ע"י הרה"ג ר׳ שמואל דוד הכהן פריעדמאן שליט"א מח"ס שדה צופים בבלי וירושלמי • לעילוי נשמת כ"ק מרן רבינו הגה"ק משה בן חיים צבי זי"ע

מ'האט אפגעמאכט א צייט, און ער האט מיך ארומגענומען אינעם מוסד, קודם איז ער געגאנגען באזוכן אין די בניני בית רחל, און צום סוף איז מען אנגעקומען אין 'שערי חמלה', און רחמנא לצלן וואס מ'זאל נישט זעהן, און וואס מ'זעהט דארטן (הילדים החולים ל"ע).

כ'האב געזעהן ווי דער רבי ווערט אזוי זיין פנים אנגעצויגן "איר זעהט?! אויף דעם זאגט מען אז דאס איז די דריי הארבסטע עבירות"...

נאכדעם זאגט ער מיר "איין זאך בעט איך אייך, איר זאלט אינפארמירן הרב קרייזווירטה (ז"ל, גאב"ד אנטווערפן), מיט רבי משה שטערנבוך (גאב"ד ירושלים שליט"א), און זיי זאגן וואס איר האט דא געזעהן" (כי בעלי הלשון הפיצו שקריהם לכל גדולי ישראל בכל העולם כולו).

ד. נאכדעם, צום סוף איז ער געקומען מבקר חולה זיין מיין טאטן ע"ה דארט אויף די ליזענסק גאס, מיין טאטע האט אים געגעבן א קוויטל.

עס איז אויך געווען אן אייניקל זז"ג פון מיין טאטן, א מיידל וואס איז איר נישט געגאנגען אזוי א שידוך, האט זי געבעטן אז זי וויל זיך מזכיר זיין פאר א זיווג הגון. דער רבי האט איר אנגעוואונטשן. לפלא, נאכן ווארטן אזויפיל יארן, די אנדערע וואך איז זי געווען א כלה. (משיחה למערכת א' מקץ תשפ"ה)

ז' תכ) עס דערציילט אונז

**כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א**

<u>אני שלום וכי אדבר, המה למלחמה</u>

מיין הייליגער טאטע **כ"ק הגה"ק רבי בנימין ראבינאוויטש זצוק"ל** האט גאר שטארק מעריץ געווען דעם רבי'ן **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה.**

די שטארקע הערצה האט זיך אנגעהויבן אין די תקופה וואס דער רבי האט זיך ארויסגעשטעלט בשנת תש"מ מיט די מלחמה צו ראטעווען די 'העדה החרדית' פון די וואס האבן איר געוואלט צוברעכן. דער טאטע ז"ל האט מיטגעהאלטן ווי אזוי ער פירט די מלחמה, איז ער געווען זייער איבערגענומען דערפון, און ער האט כסדר מרבה געווען בשבחו אז 'הוא אשר דיבר לעם סגולתו' אלס אמת'ער מנהיג ישראל.

דער טאטע ז"ל פלעגט אסאך מאל איבער זאגן "ער האט גראטעוועט דעם מצב, מיר זענען געווען באין אונים, יענע האט דעמאלטס געזאגט אז ער וויל שלום, עס איז געווען א תקופה וואס יענע האבן געטענה'עט אז ער וויל שלום, דאס בית דין אין ירושלים האט געוואוסט זיכער אז דאס איז שקר וכזב, אבער מ'האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ווי אזוי גיט מען זיך אן עצה מיט אזא איינעם וואס טענה'עט אז ער וויל שלום?! האט דער טאטע ז"ל געזאגט אז מ'זאל קלונגען צום רבי'ן פרעגן וואס צו טון, און מ'האט אים געזאגט וואס דא טוט זאך".

האט דער רבי געענטפערט **"מיר האבן זיך דען צוקריגט מיט איהם?! מיר דארפן מאכן שלום?! זאל ער זיך פירן ווי אזוי מ'דארף וועט ווערן שלום!".**

אלע האבן דעמאלטס אפגעאטעמ'ט, מ'האט פארשטאנען דעם גאנג, מיר האבן נישט וואס צו מאכן מיט אים שלום, דאס וואס מ'האט געהאט דעם רוקן פונעם רבי'ן דאס האט געראטעוועט דעם מצב.

יענע דרשה וואס דער רבי האט דעמאלטס געזאגט איבער דעם (ו' שבט תש"מ) מ'האט דאך דא געהאט די קאסעטע פון די דרשה, אה, דאס איז געווען א חיזוק...

ז' תכא) עס דערציילט אונז

**כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א** תולדות צבי

<u>אבידת רבו קודם...</u>

הרה"ח הישיש ר' חיים שטערן הי"ו, איז געווען פון די נאנטסטע מקורבים ביי **כ"ק אאמו"ר הרה"ק מספינקא זצוק"ל.** ער האט אמאל געקויפט א ריזיגן שטח אויף די בערג ביים 17 ביי עקזיט 121, ער האט געהאט א ביזנעס מיט קארפעטס, ער האט אפגעקויפט א ריזיגן ווערהאוז און ער האט דערפאר פאר'משכונט אלע זיינע נכסים, און זיין דירה אויך, און דאס איז געגאנגען קראכן ה"י... עס האט אים געווארט אז מ'זאל אים אלעס צונעמען, ממש אז ער זאל בלייבן מיט גארנישט.

ער איז אריבערגעקומען צום טאטן ז"ל און ער לייגט אראפ דעם מצב, זאגט אים דער טאטע ז"ל **"עה, ס'איז צי הויכע נומערס, גיי צום סאטמארער רבי'ן..."**

דער טאטע האט דאס קיינמאל נישט געזאגט בעפאר, רבי חיים האט געהאט גערעדט מיטן טאטן יעדן ריר, מיין טאטע איז ביי אים געווען זיין טאטע און מאמע, ער האט נישט געהאט עפעס אנדערש פון ווען ער איז געווען זעכצן יאר, ער האט נישט געקענט קיין אנדערן.

ער גייט אריבער צום **רבי'ן מרן הברך משה זלה"ה** מיטן קוויטל, מיט א הונדערטער אלס א פדיון, און ער לייגט אראפ זיין פעקל, און דער ברך משה זאגט אים "ווער זאגט אז זיי וועלן דאס טרעפן?!"...

זאגט ער אז ער האט דאס פעקל פאפירן, זיי האבן אויך די זעלבע פעקל, אבער דער רבי הברך משה זאגט נאכאמאל "ווער זאגט אז זיי וועלן טרעפן די דירה?". ער האט אנגעוואונטשן, און שוין...

ר' חיים האט גלייך געטראכט 'א שאד אויפן פדיון...' דער רבי האט אים דאך נישט געענטפערט בכלל אויף זיין צרה.

עטליכע טעג שפעטער רופט אן זיין לויער, ער איז אויסער זיך און ער האט נישט די ווערטער אין מויל. וואס איז? די באנק רופט אים אן פרעגן צו ער האט ערגעץ אוועק געלייגט א קאפיע פון די פאפירן פון דעם קעיס, ווייל זיי האבן דאס פארלוירן, און זיי האבן נישט מער קיין שום אינפארמאציע איבער דעם קעיס...

ווי פארשטענדליך האט ער דאס אויך נישט געהאט... און ביזן היינטיגן טאג האט ער מער נישט געהערט פון זיי.

דעמאלטס האט מען פארשטאנען אז דעם רבי'נס שאלה "ווער זאגט אז זיי וועלן טרעפן די פאפירן", דאס האט גע'פועל'ט די ישועה".

ז' תכב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הגה"צ רבי משה טייטלבוים שליט"א** דומ"ץ דקהלתינו ירושלים עיה"ק

<u>עדיין לא הגיעו לחצי שבחו</u>

דער רבי **כ"ק מרן רבינו הברך משה** ז"ל האט זיך אלע יארן געהאלטן זייער נאנט מיט אבי מורי **כ"ק הגה"צ אב"ד סעמיהאלי זלה"ה**, זייענדיג א שוואגער בזו"ר, ווען דעם רבי'נס ערשטע רביצין הצדיקת חנה ע"ה, איז געווען מיין טאטנס שוועסטער.

מיין טאטע פלעגט רעדן פון אים זייער גרויס, ער פלעגט דערציילן פון זיין גדלות וואס מ'האט געהאלטן פון אים אינדערהיים, ער פלעגט אלס ארויסברענגען זיין גרויסע מדריגה אין מידת הסבלנות והשתיקה, וואס כאטש ער איז אסאך אריבער און ער האט אסאך מיטגעמאכט האט ער מבליג געווען על יגונו, ער איז געווען א מעביר על מידותיו, און קיינמאל נישט גערעדט קיין איבריג ווארט פון זיינע ווייטאגן און יסורים.

מיין טאטע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "איך באוויין אים, בימים בתיקונם מיט זיינע כוחות וואלט ער שוין אינגערהייט געדארפט זיין פון די גדולי הדור, מ'האט אים אריינגעלייגט אין א קעסטל אז ער זאל נישט קענען זיין וואס ער וואלט געדארפט זיין".

ווען מיין טאטע ז"ל איז נישט געזונט געווארן בשנת תשכ"ו לפ"ק, בעפאר זיין הסתלקות, איז נאך מיין עלטסטער ברודער דער **סאסובער רבי שליט"א** אלט געווען 11 יאר, אבער ווילנדיג אים טוהן א נחת רוח, האט מען גערעדט איבער שידוכים. האט ער כסדר געפרעגט מיט השתוקקות "עס איז נישטא א קינד ביים סיגעטער רב?!"... ב"ה במשך השנים האט מען שוין זוכה געווען צו לעכטיגע שידוכים אין די משפחה.

ב. מיר האבן דאס ערשטע מאל געזעהן דעם רבי'ן **מרן הברך משה** ז"ל, ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל בשנת תשכ"ו, צו די חתונה פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א.** מיין ברודער שליט"א האט איבערגעזאגט פארן רבי'ן א תורה פון עצי חיים, דער רבי איז געווען מלא רגש קודש.

במשך אלע יארן שפעטער האט אונז דער רבי אינזינען געהאט, ער פלעגט אונז באזוכן אלס יונגע יתומים, און ער האט אונז זייער מקרב געווען. כ'וועל נישט פארגעסן בשנת תשנ"ד לפ"ק, ווען דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל ביים גרויסן 'מסע המלכות', בין איך ארויסגעפארן קיין 'סביון' מקבל פנים זיין דעם רבי'ן נאך לאנגע יארן וואס ער האט מיך נישט געזעהן.

ווי נאר איך בין אריינגעקומען צום רבי'ן האט ער אויפגעשיינט "משה'לע, וואס איז געווארן מיט דיר, איך געדענק אז דו האסט א גוטן קאפ, וואס טוט זיך מיט דיר למעשה?!"... עס איז מיר געווען אזא גרויסער חיזוק צו זעהן ווי דער רבי האט מיך אינזינען און ער טראגט מיך על לוח לבו לזכרון אפילו מיר האבן זיך שוין נישט געזעהן לאנגע יארן.

ג. עס איז געווען אמאל ווען איך האב א שידוך געטון מיט מיין טאכטער תחי' אין א יונגן עלטער בסוד, עס איז געווען אפגעשמועסט אז ביז א געוויסע צייט וועט מען קיינעם נישט דערציילן איבער דעם שידוך, און קיינער האט טאקע נישט געוואוסט, אויסער די חתן כלה מיט די מחותנים.

אין יענע תקופה בין איך אריין צום רבי'ן ז"ל מיט א קוויטל, דער רבי קוקט אריין אין קוויטל און שטעלט זיך אפ ביי דעם נאמען "זי איז א כלה", איך האב גארנישט געענטפערט, ווייל קיינער האט דאך נישט געוואוסט דערפון. דער רבי קוקט מיך אן און פרעגט מיך

נתנדב ע"י הרבני הנגיד כאי"ל תערוג הרוצה בעילום שמו הי"ו • לע"נ מרן רבינו **חיים** ב"ר **ארי' לייביש** זי"ע בעל **דברי חיים** • ולע"נ מרן רבינו **משה בן חיים צבי** זי"ע

נאכאמאל "דאס קינד איז שוין א כלה, ריכטיג?!". איך האב נישט געוואלט ענטפערן צוליב מיינע קינדער וואס זענען דערביי געווען, און זיי האבן גארנישט געוואוסט.

אבער דער רבי האט אליין ממשיך געווען "יא, זי איז א כלה"... דאס איז געווען ביי מיר ממש אפענע רוח הקודש.

ז' תכג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א** ראש המנהלים קרית יואל

**לימוד ספרי חסידות**

בימי בחורותי בין איך אריין צום **רבי'ן מרן רביה"ק הברך משה ז"ל**, און איך האב געפרעגט אין וועלכע חסיד'יש ספר איך זאל קובע זיין צו לערנען א שיעור יעדן טאג פארן דאווענען.

האט דער רבי געענטפערט בזה"ל: "מ'קאן נישט זאגן, אבער איך וועל דיר זאגן א דוגמא, נועם מגדים איז א זעלטנהייט פון א ספר, אויסער וואס ס'איז א שיין חסיד'יש ספר האט עס זייער שיינע טייטשן, וועסט ליב האבן עס צו לערנען. ס'איז אביסל שווער, אבער דו וועסט אריינקומען דערין וועסטו עס קענען לערנען".

ווען איך האב געפרעגט וועלכע מוסר ספר צו לערנען, האט דער רבי געזאגט **"מ'נעמט א מסילת ישרים און מ'לערנט עס איינמאל, און מ'לערנט עס נאכאמאל, און מ'לערנט עס נאכאמאל".**

ז' תכד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום האלפערט שליט"א** משב"ק

**דער רבי וועט אונז זאגן ווער עס איז משיח...**

דאס דבקות וואס דער **רבי ז"ל מרן הברך משה** האט געהאט אין דעם גרויסן פעטער **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** האט נישט געהאט קיין גרעניץ. איך האב זוכה געווען מערערע מאל צו רעדן מיטן רבי'ן ז"ל איבער די זכרונות ימי קדם, און ביי יעדן שמועס איז ארויסגעקומען זיין גרעניצלאזע דבקות אינעם הייליגן פעטער עד אין לשער.

ביי איינע פון די שמועסן וואס איך האב געהאט מיט כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה, איז אויסגעקומען צו רעדן אז עס איז א שאד אז מ'האט בשעתו נישט פארצייכנט אומצאליגע שמועסן און שיחות קודש מיטן רבי'ן ז"ל וואס וואלט געקענט זיין לתועלת פאר די דורות הבאים, האט זיך דער רבי אנגערופן מיט א אומבאגרייפליכע השתוקקות: "אוודאי האט מען נישט געשריבן... ווער האט דען אין רגע געטראכט אז עס וועט זיין א טאג אז משיח וועט קומען און דער פעטער וועט נישט זיין צווישן אונז"...

דער רבי ז"ל האט געזאגט מיט אזא ברען און צדקות **"מ'האמיר נישט געגלייבט קיינמאל אז דער פעטער וועט נישט דא זיין..." "מיר זענען געווען זיכער אז ער וועט אונז ווייזן ווער ס'איז משיח... ווי אזוי דען וועט מען וויסן ווער משיח איז?!"...**

ז' תכה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שמואל בנימין לאפלער הי"ו**

**והאיש משה עניו מאד**

איך האב געדאווענט אין סיגעטער ביהמ"ד אין וויליאמסבורג במשך אסאך יארן. דער רבי **מרן הברך משה זלה"ה** איז פאר אונז געווען מער ווי א טאטע, מיר האבן זיך געשפירט באקוועם צו רעדן צו אים מיט יעדע נארישקייט. עס לאזט זיך נישט זאגן אויף וואס פאר א אופן ער האט זיך אראפגעלאזט צו יעדעס קינד אין ביהמ"ד, ממש ווי א געטרייער טאטע.

אויך אין די שפעטערע יארן אין בארא פארק האבן מיר געוואוינט בשכינות, און מיר פלעגן דאווענען ביים רבי'ן אין סיגעטער ביהמ"ד.

כ'דערמאן ווי א דוגמא פונעם רבי'נס עניוות און פשטות, דער רבי האט געהאט א מקום קבוע אין מקוה, ווי ער פלעגט געווענליך נוצן. איז געווען אמאל ווען איך בין געווען אין מקוה און איך האב זיך דארט אראפגעזעצט, אינמיטן איז דער רבי אנגעקומען, האב איך גענומען מיינע מלבושים און זיך אוועק גערוקט פון דארט, זאגט מיר דער רבי מיט א חביבות "אין מקוה איז נישטא קיין אויבנאן"...

ב. עס איז געווען ווען איך האב געהאט איינע פון מיינע קינדער למז"ט, און עס האט זיך אויסגעפעלט א ישועה לרפואה, בין איך אריין צום רבי'ן מזכיר זיין, עס איז געווען א גרויסע סכנה פאר דאס קינד, די לונג האט געפלאצט, און עס האט אנטוויקלט נאך קאמפליקאציעס ה"י, איך האב נישט געוואוסט אויב איך זאל מאכן א שלום זכר, איך האב זייער שטארק מפציר געווען פאר א ישועה.

דער רבי האט מיר געזאגט מיט "ער וועט זיין הונדערט פראצענט געזונט".

שפעטער ווען דער מצב איז געווען זייער שווער, און איך בין געווען זייער צובראכן, האב איך נאכאמאל מזכיר געווען ביים רבי'ן דאס קינד, האט מיר דער רבי געזאגט מיט א זיכערקייט "כ'האב דיר געזאגט אז ער וועט זיין געזונט".

דער רבי האט דעמאלטס צוגעלייגט "כ'האב אויך אן אייניקל וואס איז אזוי געבוירן און ער איז ב"ה געזונט און שטארק, און דאס קינד וועט אויך זיין געזונט און שטארק עס וועט אים גארנישט פעלן".

איבריג צו זאגן אז כדבריו כן היה, דאס קינד האט זיך ב"ה מסדר געווען, אלע קאמפליקאציעס האבן זיך מסדר געווען, און ער איז געקומען צו די כוחות געזונטערהייט, און ער איז ב"ה היינט א חשוב'ער אינגערמאן לאיוש"ט.

ז' תכו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' ברוך יצחק ווייס הי"ו**

**גיין אינאיינעם קעגן דעם גואל צדק**

עס איז געווען אין די לעצטע יארן פונעם **רבי'ן כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**, ווען דער רבי איז שוין געווען שטארק אפגעשוואכט, און נישט אלעמאל איז דער רבי געווען ביי די כוחות צו רעאגירן ווען מ'איז אריין מיט א קוויטל.

מיין מאמע ע"ה האט זייער געוואלט אריינגיין צום רבי'ן מיט א קוויטל, און איך האב איר באגלייט אל הקודש פנימה, דער רבי האט געליינט דאס קוויטל, און אנגעוואונטשן מיט זיינע שוואכע כוחות.

דערויף האט זיך מיין מאמע אנגערופן "דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער רבי זאל האבן כח און אונז פירן קעגן משיח צדקינו"...

יענע מינוט האט זיך דער רבי ווי אויפגעשאקלט, מיט זיינע שוואכע כוחות האט ער זיך אויפגעזעצט אויפן בענקל און געזאגט מיט א הויך קול **"איך וויל נישט פירן, איך וויל גיין מיט אלע אידן אינאיינעם קעגן משיח צדקינו"...**

ז' תכז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' דוד פערל שליט"א** מגי"ש בקהלתינו הק'

**ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם**

כל ימיו אשר חי' האט דער רבי אינזינען געהאט להגדיל תורה ולהאדירה, און במשך אלע יארן אין אמעריקע האט ער געטראגן די דאגה צו מעמיד זיין דורות תלמידי חכמים, דיינים, מורי הוראה, יושבים על מדין, נעמענדיג אין באטראכט אז די עלטערע רבנים בלייבן נישט אלעמאל ביי די כוחות, און מ'דארף האבן פרישע כוחות אין הוראה און מעמיד זיין בתי דינים וואס זאלן פסק'ענען שווערע שאלות אין דיני ממונות.

אין יענע יארן האבן די כולל אינגעלייט עוסק געווען בעיקר אין שו"ע או"ח ויו"ד, עס איז נישט געווען קיין כוללים וואס האבן עוסק געווען אין עניני חושן משפט בכלל.

ווען איך האב חתונה געמאכט מיין עלטסטער זון למז"ט, בין איך אריין בעפאר די חתונה צו **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה** איהם מכבד זיין מיט סידור קידושין.

ווען דער רבי האט געזעהן אז דער מחותן איז **הגה"צ רבי משה מאיר ברייער שליט"א אב"ד איבראן**, האט דער רבי געפרעגט "וואו איז די חתונה?", האב איך געזאגט אין זאל פון בית רחל אויף העיוואורד סט. זאגט דער רבי "איך וועל אי"ה קומען צו די חופה צו סידור קידושין".

זאג איך פארן רבי'ן "מיר האפן צו ברענגען די חופה דא צום רבי'נס שטוב".

זאגט דער רבי "דער מחותן איז א דיין, איך וויל גיין צום זאל און דארט מסדר קידושין זיין".

וכך הוה, דער רבי איז געקומען צו פארן ביזן זאל, און ער האט דארט מסדר קידושין געווען, כאטש וואס אלע חופות אין יענע יארן פלעגן פארקומען לפני ביתו נאוה קודש.

א תקופה שפעטער האב איך ווידער חתונה געמאכט מיין זון הי"ו און איך בין אריין צום רבי'ן מכבד זיין מיט סידור קידושין, דער מחותן איז געווען **הגה"צ רבי שלמה ווידער שליט"א אב"ד קאמערזאהן ודומ"צ התאחדות הרבנים** און דער רבי האט אנגענומען די סידור קידושין כרגיל.

איך האב זיך געטרויעט און געזאגט "דאס לעצטע מאל איז דער רבי געקומען צום זאל מסדר קידושין זיין, ווייל דער מחותן איז א דיין, דער יעצטיגער מחותן איז אויך א דיין"...

זאגט דער רבי "דער מחותן, רבי משה מאיר, פסק'עט דיני ממונות, חושן משפט"...

נתנדב ע"י הרבני הנגיד בנש"ק ר' **יודא ווייס הי"ו** • לע"נ זקינו מרן רבינו **חיים** ב"ר **ארי' לייביש** זי"ע בעל **דברי חיים** • ולע"נ מרן רביה"ק רבי **משה בן חיים צבי** זי"ע

עס איז געווען זייער ניכר אז דער רבי האט געזוכט מיט אלע כוחות מחזק צו זיין אז יונגע תלמידי חכמים זאלן זיך ארײנלייגן אין חושן משפט, און דורכטוהן דיני ממונות כדי עס זאל זיין ערליכע בתי דינים וואס זאלן קענען פסק'ענען אין די פארצווייגטע הלכות פאר כלל ישראל.

ב. אגב, אז מ'רעדט פון בתי דינים, וועל איך דערציילן א זכרון לטובה, בימי נעורי האב איך געוואוינט אין ירושלים עיה"ק, אין יענע יארן, בשנות תש"י-תש"כ, איז געווען דער בית דין הגדול, בראשות דעם ראב"ד **הגאון רבי פינחס עפשטיין ז"ל, די חברי הביד"צ הגאון רבי דוד יונגרייז ז"ל, הגאון רבי ישראל יצחק רייזמאן ז"ל.**

עס איז היינט שווער צו מסביר זיין די הערצה וואס דער ביד"צ האט געהאט אין יענע יארן אין ירושלים, און איבער די גאנצע וועלט, זיי זענען געווען ווי די אורים ותומים פונעם גאנצן יהדות החרדית בארץ ובגולה. פון איבעראל האט מען זיי געשיקט שאלות ועל פיהם ישק כל דבר גדול וקטן.

עס איז געווען בשנת תשכ"ג-כ"ד, הרה"ח ר' **אלי' הכהן שטיינבערגער** ז"ל חבר הנהלת העדה החרדית - דער בארימטער שרייבער און ארויסגעבענער פון די ערליכע ביכער 'ליכט שטראלן' - האט בר מצוה געמאכט זיין זון הרה"ח ר' יוסף מאיר הי"ו, און לכבודו איז געקומען הגאון רבי פינחס עפשטיין ז"ל דער ראב"ד זיך משתתף זיין ביי די שמחה. איך בין געשטאנען דערביי ווען רבי פינחס האט געשמועסט מיטן בעל שמחה, ווען בתוך הדברים האט ער געוויזן אז ער האט באקומען א בריוו מיט א ערענסטע שאלה להלכה פון א בית דין פון פרס, איראן.

רבי פינחס האט ארויסגענומען דעם בריוו און געוויזן פאר רבי אלי', אלס כתבא רבא, ווי כמנהג הספרדים האבן זיי געשריבן אסאך מליצות מיט מערערע ראשי תיבות, האט ער געוויזן איין ווארט צווישן די טיטול'ען וואס ער האט נישט געקענט מפענח זיין "פציחות"ם", און ער האט געפרעגט רבי אלי' צי ער איז באקאנט וואס באדייט די ראשי תיבות פון דאס ווארט.

עס איז געווארן דער געשפרעך אין זאל איבער דעם בריוו, איז דארט געווען אנוועזנד א חשוב'ער בחור פון תולדות אהרן - הרה"צ ר' יחזקאל דימאנט שליט"א - איז ער צוגעגאנגען צום ראב"ד און געזאגט אז דאס ווארט איז ראשי תיבות "פי צדיק יהגה חכמה, ולשונו תדבר משפט". עס ליגט מיר פאר די אויגן ווי רבי פינחס האט שטארק הנאה געהאט פון דעם רעיון.

ז' תכח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אפרים פישל פארקאש הי"ו**

## עינים להם... ויראו!

עס איז געווען בשנת תשי"ח ווען איך בין געווען א תלמיד אין ישיבת וויזניץ בני ברק, איז דארט געווען א חשוב'ער איד הרב החסיד ר' יחזקאל ראזענצווייג ע"ה, ער איז געווען אינדערהיים א תלמיד פונעם רבי'ן ז"ל, שפעטער איז ער געווען א 'יושב' אין בעלזא, און נאך די מלחמה ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך געדרייט אין וויזניץ.

געדענק איך איין טאג ווען רבי יחזקאל איז ארײנגעקומען אין די ישיבה, און ער האט זיך אנגעכאפט אין א אלטן איד, ער איז מיט אים ארומגעגאנגען אין די ישיבה פון טיש צו טיש, און ער האט געזאגט פאר די בחורים "**טייערע בחורים, קוקט אן דעם איד, קוקט אין זיינע אויגן, ער האט נאך געזעהן דעם הייליגן דברי חיים!**"...

"ברוך השם, די אויגן פון יענעם איד, שטייען מיר נאך היינט פאר די אויגן..."

ב. דער הייליגער **דברי חיים** זלה"ה איז געווען אמאל אויף א שבת אין דראביטש - עס איז דא א ספק צי עס איז געווען אין די תקופה פון **הרה"ק רבי אלעזר ניסן** ז"ל אדער שפעטער - און די מתנגדים האבן אינמיטן שבת ארײנגעגעבן א מסירה קעגן דעם הייליגן דברי חיים, די פאליציי זענען אנגעקומען אינמיטן דאווענען ארעסטירן דעם הייליגן דברי חיים.

אונזער עלטער זיידע, הרה"ח ר' דוד לינדענבוים ע"ה (דער שווער פון הגה"צ רבי יצחק לייב סופר ז"ל מדראהביטש) האט געהאט נאנטע פארבינדונגען מיטן מושל העיר, און ער האט באלד אנגעווענדעט אלע שתדלנות לטובתו פונעם הייליגן דברי חיים, ער האט איינגעלייגט אויף ערבות זיין גאנצע פארמעגן אז דאס וואס מ'האט געזאגט אויפן צאנזער רב איז א בלויזער בלבול, און ער איז אזוי באפרייט געווארן.

דער הייליגער דברי חיים האט זייער מכיר טובה געווען פארן זיידן, און ער האט אים געגעבן דריי שטארקע ברכות. ער זאל האבן אריכות ימים, און ער זאל זיין א גרויסער עושר, און ער זאל זיך משדך זיין מיט רבנים.

איבריג צו זאגן אז אלע דריי ברכות זענען מקוים געווארן במילואם.

ז' תכט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' משה שימאנאוויטש הי"ו**

## אם קבלה היא, נקבל

עס איז געווען ווען מיין מוטער ע"ה איז נישט געזונט געווען, זי איז נעבעך קראנק געווען מיט די ביטערע מחלה ה"י, דער דאקטער האט איר געגעבן צום לעבן נאך זעקס וואכן, בין איך אריין צום **רבי'ן מרן הברך משה זלה"ה**, און איך האב מפציר געווען אז דער רבי זאל מבטיח זיין א רפואה שלימה.

דער רבי בענוות קדשו האט זיך ארויסגעדרייט, און געזאגט "**איך בין נישט דער פעטער, און איך קען נישט צוזאגן קיין הבטחות, נאר, כ'האב פונקט יעצט געזעהן אין ספר 'בן איש חי', אז אויב מנעמט זיך פאר א דבר טוב, העלפט דער אייבערשטער**".

הערנדיג די קלארע ווערטער פונעם רבי'ן האב אים דאס גענומען ווי א עצה, א ברכה און א הבטחה, און איך האב זיך מקבל געווען א קבלה טובה, וואס איך האלט אן מיט א שטארקייט עד היום הזה. מיין מאמע ע"ה איז דעמאלטס געזונט געווארן און געהאט א רפואה שלימה, און מאריך ימים געווען נאך צעהן יאר.

ז' תל) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ג ר' יוסף הערש ליבערמאן שליט"א** מבעסערמין

## תשובה לחוד וישועה לחוד

עס איז געווען עטליכע יאר נאך מיין חתונה און איך האב געווארט צו געהאלפן ווערן מיט זש"ק.

אין איינע פון די טעג בין איך ארויסגעפארן מיט מיין ב"ב תחי' צום רבי'ן זלה"ה קיין קרית יואל, מיר זענען אריין לביתו נאוה קודש אויף איהעל קט. און זיך געלאזט אנשרייבן א קוויטל.

ארײנגייענדיג אל הקודש פנימה, און דער רבי הייבט אן ליינען דאס קוויטל, וואס האט נישט געהאט קיין נעמען פון קיין קינדער, האב איך זיך אנגערופן "דער רבי זאל מיר זאגן, אפשר דארף איך עפעס מתקן זיין, איך זאל תשובה טוהן, אז איך זאל זוכה זיין צו האבן קינדער".

דער רבי איז ממש אויפגעשפרונגען פון פלאץ מיט א קאך "וואס האט איינס מיטן צווייטן?! ווילסט תשובה טוהן טוה שוין תשובה, ווער לאזט דיך נישט?! דער אייבערשטער וועט דיך ממילא העלפן וועסט האבן קינדער, וואס מישט דאס אויס מיט תשובה טוהן?!"...

דעם רבי'נס ווערטער האט אונז געגעבן אזויפיל חיזוק, ווען פון איין זייט האט אונז דער רבי געגעבן א קלארע ברכה און הבטחה אז מיר וועלן געהאלפן ווערן מיט קינדער, און פון די צווייטע זייט האט דער רבי נישט געוואלט אז מיר זאלן זיך מוטשענען מיט שולד געפילן און זוכן כסדר תיקוני תשובה, צו קלערן אז מיר זענען גאר שולדיג אין דעם וואס די ישועה פארזוימט זיך, און אויב דארף מען עפעס מתקן זיין דארף מען דאס סיי ווי טוהן אן קיין פארבינדונג מיט דעם וואס מיר ווארטן אויף א ישועה מן השמים.

ז' תלא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' מאיר סאקס הי"ו**

## האדם יראה לעינים...

עס איז געווען ביום חופתי נישט מער געדאכט, בין איך אריין אל הקודש פנימה צו **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה**, נאכן דאווענען שחרית, וואס איך האב געדאווענט מיטן רבי'נס מנין קבוע, און איך האב געבעטן ברכת קדשו צו די חתונה, דער רבי האט מיך ווארעם אנגעוואונטשן מברכת קדשו אז איך זאל זיך קענען אויסבעטן אלעס גוטס.

דערויף האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז איך בין נישט קיין בעל בכי, איך קען נישט וויינען, אז דער רבי זאל מיר אנוואונטשן אז איך זאל זיך קענען גוט אויסוויינען אונטער די חופה.

דער רבי רבי האט ארויפגעלייגט זיינע פינגער אויף די הייליגע אויגן "דער פסוק זאגט (שמואל א' טז ז') "**האדם יראה לעינים**" דער מענטש האט ליב צו זעהן ווי עס קומט אים טרערן וואס קומט פון די אויגן, אבער דער אייבערשטער ברויך דאס נישט "**וה' יראה ללבב**", ביי אים איז דער עיקר וואס טוט זיך אין הארץ"...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת 845-783-0735/Tellerkj@gmail.com